# די לעזערן

## י. ל. פּרץ

פֿרײַטיק צו נאַכט.

אינעם שטיבל איז שרעקלעך שטיל, אין ד' אמות שלאָפֿן זיבן נפֿשות.

דער אַלטער וואַסער-טרעגער האָט נישט געהאַט: נישט קיין פֿלייש, נישט קיין פֿיש, נישט קיין בראָנפֿן, נישט קיין חלה. ער האָט קידוש געמאַכט איבער ברויט. עס איז קוים אויף צוויי גראָשנדיקע בענטשליכט געבליבן. ער האָט אַפֿילו קיין פֿריש העמד נישט באַקומען.

איין עונג שבת איז געבליבן: אויסשלאָפֿן זיך פֿאַר אַ גאַנצע וואָך.

דאָס זעלבע עונג שבת האָט דאָס ווײַב אויך... אַ גאַנצע וואָך לויפֿט זי אַרום אין די דערפֿלעך, קויפֿט אויף אייער, חזיר-האָר, שמאַטעס. די וואָך איז זי געלאָפֿן אָן געלט, זי האָט אומזיסט געבעטן קרעדיט, און איז אַהיימגעקומען פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט אָן סחורה, אַ געהרגעטע, אַ פֿאַרחלשטע, קוים האָט זי אָפּגעבענטשט ליכט, איז זי אויך אַנידערגעפֿאַלן און איז אײַנגעשלאָפֿן...

געווײנטלעך שלאָפֿט דער וואַסער-טרעגער מיט דרײַ – און זי מיט צוויי קינדער צוזאַמען. הײַנט זענען זיי ביידע צו פֿרי אַנטשלאָפֿן געוואָרן, די קינדער האָבן זיי נישט געוואָלט וועקן, און זיי ליגן צעלייגט און כראָפּען אויף דער גאָלער ערד.

פֿון די בענטשליכט צאַנקט נאָך איינס, און פֿון די שטוב-נפֿשות איז נאָך איינע וואַך. די עלטערע טאָכטער.

די צעפֿלאָסענע האָר זענען רויט. דאָס פּנים – געל: גענערט פֿון קאַרטאָפֿל נישט צו דער זאַט. אין די אויגן דאָך ברענט; די אײַנגעפֿאַלענע ברוסט הייבט זיך און פֿאַלט, די דאַרע הענט ציטערן...

זי לייזט בײַם צאַנקענדיקן ליכט שמרס אַ ראָמאַן. די ליפּן ציטערן פֿאַר אומגעדולד.

זי איז צערודערט. זי שרעקט זיך; טאָמער גייט איר אויס דאָס ליכטל, און זי וועט נישט געוויער ווערן דעם סוף פֿון פּיפּערנאָטער!

פֿון: *אַלע ווערק*, באַנד 2. ציקאָ ביכער- פֿאַרלאַג, ניו-יאָרק 1947, ז' 108

www.grinemedine.nl